

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' **אביגדור מיללער** ז"ל

## פרשת לך לך

# עבודת השם ביים ארבעטן מיט די חַיּוֹת

פרנס השבוע

לכבוד בני החשובים והיקרים

כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון אייער טאטע

## פרשת לך לך

# עבודת השםביים ארבעטן מיט די חַיוֹת

### זונטאג נאכמיטאג אין 'אוניווערסיטי סיטי' שול:

משי האט נארוואס גענדיגט זאגן 'עלינו'.

"דו געדענקסט נאך וואס דו האסט געלערנט אין די וואכעדיגע סדרה פון אברהם אבינו?" האט דער טאטע אים אריינגערופן אין אויער, "קוק דארט, השי"ת גיבט דיר א געוואלדיגע געלעגנהייט, נאכצוטון א ביישפיל פון אברהם אבינו. דו זעסט דעם איד וואס זיצט דארט ביים עק פון שול? ער הייסט מר. אבראהאם. ער האט זיך נאר די וואך אריינגעצויגן דא אין דעם געגענט. אפשר ווילסטו צוגיין צו אים און אים אויפנעמען מיט א ווארעמען 'שלום עליכם'? דאס איז דאך ממש וואס אברהם אבינו האט געטון אין זיין צייט."

מושי האט זיך געשפירט אומבאקוועם צוצוגיין צו א פרעמדן, אבער דער טאטע האט אים געמוטיגט. ס'איז געווען א געוואלדיגע געלעגנהייט צו מקיים זיין א מצוה - און דער טאטע איז דארט געווען דערביי, אים צו מחזק זיין.

מיט שעמעוודיגע טריט איז מושי צוגעגאנגען צו דעם איד און אויסגעשטרעקט זיין האנט, אויסרופנדיג פריינדליך, "שלום עליכם! מיין נאמען איז מושי פריעדמאן."

דער איד האט צוריקגעשמייכלט, "עליכם השלום," איך בין שמעון משה אבראהאם," האט ער געענטפערט.

"איך הער אז איר האט זיך נארוואס דא אריינגעצויגן. ברוכים הבאים צו 'אוניווערסיטי סיטי'!" האט מושי אים באגריסט מיט ווארעמקייט, בשעת זיין מח טראכט ווי אזוי ער קען נאכטון דעם ביישפיל פון אברהם אבינו וואס האט שטענדיג געמאכט זיינע געסט זיך שפירן היימיש, "איך קען אייך ווייזן ווי עס איז די בעסטע פלאץ אין שול צו שטיין בשעת אן אויפרוף, אז איר זאלט קענען כאפן די מערסטע צוקערלעך..." האט ער אויסגעשאסן אין איין אטעם.

"א דאנק אייך! יעצט וועל איך שוין וויסן..." האט ר' שמעון משה זיך אונטערגעשמייכלט.

"זייער גערן. און אויב איך מעג פרעגן, מיט וואס באשעפטיגט איר זיך?"

"געלויבט איז דער פון אויבן, איך בין זוכה צו לערנען תורה און דינען דעם באשעפער א גאנצן טאג," האט ער געענטפערט מיט א שמייכל.

### מאנטאג נאכמיטאג, נאך חדר:

"א גוטן טאג טאטי," האט מושי אריינגעשטורעמט אין הויז, "געדענקסט נאך אז דו האסט מיר געזאגט אז מיר וועלן קענען גיין צום מעיאר'ס זָאא, נאכדעם וואס די חיות

וועלן ווערן איינגעשפארט אין זייערע שטייגן. איך האב געהערט זאגן אז היינט גייט מען זיי ענדליך איינשפארן אין די שטייגן! דער מעיאר איז היינט ארומגעפארן אין שטאט און פראקלאמירט מיט הויכהילכערס אז די זָאא איז שוין גרייט! נו טאטי, קענען מיר גיין? ס'איז נאר עטליכע גאסן אוועק, דארט ווי די מיידל שולע פלעגט צו זיין. פ-ל-י-ז טאטי!!!!"

ברוך השם, דער טאטע האט מסכים געווען צו פירן אלע קינדער מיט זיין קאר צום נייעם זָאא, צו פארברענגען דארט פאר א שעה צייט.

די חיות גארטן איז געווען זייער אינטערעסאנט. רוב פון די סכנה'דיגע חיות זענען שוין געווען פארשפארט אין זייער שטייגן, אבער עס איז נאך געווען א קעמל וואס האט פריי ארומשפאצירט, און עטליכע פענגווינס וואס האבן זיך געוואקלט אויף זייער קליינע פיסלעך צווישן די באזוכער, אינגאנצן פארלוירן.

משפחת פריעדמאן האבן זיך אפגעשטעלט ביי א פונקט וואו עס איז געשטאנען אן אויפשריפט: "נילוס קראקאדיל".

די קינדער זענען געשטאנען דערשראקענערהייט, צוקוקנדיג ווי דער ריזיגער קערפער פונעם קראקאדיל ווערט אריינגעצווינגען אין זיין שטייג, בשעת זיין ווידל שאקלט זיך צווישן די טיר און שטייג. דער זָאא ארבעטער האט שווער געסאפעט. ער האט אויפגעהויבן זיין פנים, אפצוואווישן די שווייס טראפנס, ווען מושי האט אים באמערקט. 'דאס איז דאך מה. אבראהאם, וועמען איך האב נאר נעכטן באגעגענט צום ערשטן מאל אין שול. וואס טוט דער איד דא אין זָאא', האט זיך מושי געוואונדערט? 'האט ער נישט געזאגט אז ער לערנט אין כולל א גאנצן טאג?'



דער קראקאדיל איז שוין ברוך השם איינגעשפארט אין זיין שטייג, די סכנה איז אריבער. הרב אבראהאם האט פרובירט צו כאפן זיין אטעם, ווישנדיג די שווערע טראפנס שווייס מיט א שמאטע. און ער האט יעצט אויך באמערקט משפחת פריעדמאן שטיין נעבן אים.

"א גוט יאר מושי," האט ער ווארעם באגריסט זיין נייעם פריינט, "וואס מאכסטו עפעס?"

"ז-זייער פיין," האט משי ארויסגעשטאמלט, "איך מעג נעמען די דרייסקייט אייך צו פרעגן א קשיא? נעכטן האט איר געזאגט אז איר לערנט אין כולל א גאנצן טאג, אבער יעצט קוקט אויס ווי איר זענט א זָאא ארבעטער. זענט איר נאר א װאלענטיר פארן מעיאר? אבער פארוואס האט איר מיר נישט געזאגט אז איר ארבעט אין דעם זָאא?" האט משי געפרעגט צעטומלט.

"לאמיך דיר פרעגן א קשיא, מיט וואס האט זיך אברהם אבינו באשעפטיגט?"

"הממ, ער איז געווען דער גדול הדור, און דער ערשטער פון די אבות הקדושים," האט מושי געענטפערט, "ער האט אוועקגעשטעלט דעם גרינדשטיין פון כלל ישראל."

"יא," האט זיך הרב. אבראהאם אריינגעמישט, "אבער ער האט געהאט אסאך שאף און רינדער. ער איז געווען א גאנצן טאג פארנומען זיך אפצוגעבן מיט זיינע סטאדעס. אפילו ווען די מלאכים זענען געקומען צו אים, האט ער אליין געשאכטן דריי קיען און צוגעגרייט די פלייש פאר די מלאכים צו עסן, אבער דו ווערסט קיינמאל נישט הערן ווי איינער דריקט זיך אויס אז אברהם אבינו איז געווען א פארמער, איז דאס ריכטיג? ווייל דער עיקר פון א איד'ס לעבן איז זיין עבודת השם.

טראכט אריין, אויב איינער פרעגט דיר וואס דו טוסט, וואס וואלסטו געענטפערט, 'איך עסן קארן פלעקס מיט מילך, כ'בינד צו מיינע שיך, איך שפיל זיך באהאלטן ביי הפסקה,' אדער דו וואלסט געענטפערט, 'איך גיי אין חדר און לערן תורה א גאנצן טאג', נישט אזוי?

פערצופאל בין איך אן ארבעטער אין זָאא, צו שפייזן מיין משפחה, אבער דאס איז נאר וואס איך טו בשעת איך דין השי"ת א גאנצן טאג. דאס וואס איך טו מיט מיינע בלויזע הענט מאכט נישט אזוי אויס, ווי דאס וואס איך טו מיט מיין מח - דאס איז וואס אינדענטפיצירט דעם ריכטיגן אפשאץ פון א איד!"

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**